**• טאַגעבוך פֿון אַן עלנטער מיידל אָדער: דער קאַמף קעגן פֿרייַער ליבע**

**Diary of a Lonely Girl or the Battle Against Free Love**

by Miriam Karpilove, translation by Jessica Kirzane

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (January 2016)

For the online version of this translation:

https://ingeveb.org/texts-and-translationsdiary-of-a-lonely-girl-or-the-battle-against-free-love

# טאַגעבוך פֿון אַן עלנטער מיידל אָדער: דער קאַמף קעגן פֿרייַער ליבע

# DIARY OF A LONELY GIRL OR THE BATTLE AGAINST FREE LOVE

Miriam Karpilove
Translation by Jessica Kirzane

**Introduction:** Miriam Karpilove (1888-1956) was born near Minsk to middle-class parents, received a traditional Jewish and secular education, and immigrated to the United States in 1905. She spent several years in Palestine in the late 1920's as a result of her involvement in the Labor Zionist movement.

Karpilove published her first piece of creative writing in 1906 when she was just eighteen years old. This was the beginning of a prolific fifty-year writing career in which she published dramas, feuilletons, criticism, sketches, short stories, novellas, and novels, and was one of the most widely published and most popular women writers in Yiddish. Her work appeared in major Yiddish periodicals such as the *Forverts, Tog, Fraye Arbeter shtime, Tsukunft, Haynt, Yidisher kemfer, Yidishes tageblat,* and *Morgn zhurnal*. She served as a staff writer for the *Forverts* from 1929-1937, and was the first woman editor Abraham Cahan hired to produce entertainment fiction. Her work has never been translated into English.

*Diary of a Lonely Girl or the Battle Against Free Love*, one of Karpilove's best known works, was first published serially in the Yiddish daily *Varhayt* in 1916 and 1917, and later appeared in book form. It is the personal account of the emotional struggles of a young woman who is in love with a man who is carrying out affairs with multiple other lovers. The work addresses the challenges, pitfalls, and gender disparities of the modern, sexually liberated culture. In it, Karpilove discusses frankly women's sexuality and desire, and offers a sympathetic portrait of a young woman searching for and unfulfilled by modern possibilities for love.[1]

[1] See Kellman, Ellen. "Miriam Karpilove." *Jewish Women: A Comprehensive Historical Encyclopedia*. 1 March 2009. Jewish Women's Archive. (Viewed on September 29, 2015) <http://jwa.org/encyclopedia/article/karpilove-miriam>.;

# Diary of a Lonely Girl or the Battle Against Free Love

## Chapter One: Loneliness

Yesterday he was at my home and as he held me in his arms I felt small and lonesome. He did not come to bring me happiness; he only came to take some of it from me. That isn't entirely it: he calculated carefully how much love to give so that he won't owe me anything . . .

I wanted to tell him that I would not make any demands, that he could leave me to my loneliness if he didn't love me anymore—that I was willing to be unhappy later for a bit of happiness now. But I couldn't bring myself to say this. I was embarrassed and afraid that he wouldn't believe in the selfless love I was offering him. My tongue was paralyzed by his superficial love, his insipid tenderness. His flippant words about my taking too seriously something that he saw as a childish flirtation made it clear that he wanted me to understand there could never be anything between us.

Maybe it isn't good or practical to forget oneself. But it is much worse to remember oneself, to think only about oneself, like he does. His cold, matter-of-fact soul cannot understand this, and I cannot explain it to him.

After he left I contemplated myself in the mirror for a while and counted the impressions that his kisses left on me. I did not smile with joy at this remembrance, instead I felt hurt.

My soul was soaking in a sea of heartfelt feelings and I wanted to release them in tears. I tried to sink my thoughts like stones into that sea. I decided to be naughty when he would next come to me and audaciously, mockingly laugh in his face. I would help him with his frivolous, almost calculated behavior and then, when he already had one hand on the doorknob to leave me alone again until he had time to come back, only then would I tell him that there was no reason to be afraid of taking me. I was not at all what he thought I was. I would have no right to expect him to feel obliged to any kind of duty toward me. It was his own sincerity that made him so laughable. Didn't he understand why I laughed with such joy? I was laughing at him, at his fear even though there was nothing to be afraid of.

---

Kellman, Ellen Deborah. *The Newspaper Novel in the "Jewish Daily Forward" (1900-1940): Fiction as Entertainment and Serious Literature.* PhD. Diss. Columbia University, 2000, pp. 237-264.

How bewildered and embarrassed he would be, standing there! Maybe he would suddenly grab me, but I would stand firm and show him to the door. That would be my payback for his *love*.

No, I don't know if I would be able to do that . . .

Alone, I wander the noisy streets of New York. With autumnal feelings I greet the summer. My soul is encircled by a wintery coldness. While everything around me lives, I feel as though something in me is dying. I know what it is—it is hope. It extinguishes within me.

My room feels small to me, everything there reminds me of him. I try not to think about him. He is dead to me. He loves others. He can parcel out his love among many and I cannot do this; I can love only *one*. But I don't love him anymore. I only hate my loneliness. He can go wherever he wants. When he is with me, I only feel the distance that separates us more profoundly. When he is not here, I can think about when he was with me; but when he is here, I only think about how he will leave me again . . .

I can no longer sit here in my room like this and wait, knowing that my waiting is for naught. He will not come. So I will go back out amid the hustle and bustle. I hope he comes to my room and finds me not there. I will get on a streetcar that is driving far, far away. May it take me away with my heavy thoughts. It will be easier than walking around, burdened with them.

***

I traveled far away on a streetcar that was packed with people, until it stopped. All of the passengers left, and so did I. The conductor started to change the sign to drive back and turned to look at me. I was standing and holding onto the car with one hand, as though I was trying to keep it from driving away from me. "There's another one coming after this one," I told myself, and I decided to walk around a little and plant my thoughts in the green field, and see where I found myself.

Suddenly I happened upon a cemetery. I had wandered into the cemetery without knowing it. The others who traveled with me knew where they were going. They all walked among the graves, and aside from them there were others who came, holding flowers. Why do the dead need flowers, if they can't see them or smell them?

I approached a headstone, began to read the name of the deceased engraved in gold letters and thought about the dead woman, when I suddenly noticed a man standing

beside me. He looked at me with puzzled curiosity. I quietly stepped away, and he stepped closer to his . . . what was she to him?

Now I avoided the graves that others were approaching. I quickly passed those where others were standing. It seemed to me that my presence disturbed the conversations between the living and the dead. And the dead, waiting for their living visitors, were offended by my dull, indifferent glances at their graves. Who was I to them, a stranger, that I should come here and disturb their peace? I was embarrassed in front of them. If I had someone here, if *he* had been there, how different I would have felt. Not *so* superfluous, not *so* alone . . .

Alone among the living and the dead . . .

## Chapter 2: Despair

A letter from him. My heart stopped beating. I opened it.

He wanted to see me, to come to me. A ray of hope shone through the cloud of my despair like a flash of lightning. Everything swayed before my eyes as though it was going to crash at my feet and bring me along with it . . . I held onto my bed frame and my bed in its spotless whiteness looked up at me as though reproaching me for my desire for him to come. His handwriting breathed with such calm! His writing evidenced such careful economy! He wrote so that anyone might read his letter, but left space between the narrow lines for me to read into them. He was not afraid to do this; he could be sure that I would not tell anyone what I read there . . .

If I had been able to refuse to allow him to see me, perhaps that would have been better for me in the end, but. . . no, *I* wanted to see *him*! I . . . yes, I would answer him. I would write to him in cold, calculated words that anyone could read, and while he arrived, stayed, and went away again I would appear indifferent to him.

*****

He has just left. I feel as though everything between us is over, and I am overtaken by a passionate desire *not to exist*.

When you can't stand someone anymore, you tell them to go away or you go away yourself. But what do you do with yourself? I am tired of myself, and I can't get away from myself.

I watched him leave for a long time, thought about his leaving for a long time, and sent after him the words I wanted to say to him but did not say. My tongue froze in my mouth because of his stern silence or casual conversation about other, general things. It was hard to think about one thing and talk about another. I wanted to speak to him with familiarity, but had to reply formally in order to stress the difference between detachment and intimacy. Waiting for him, I unwillingly almost wished he wouldn't come. It would have been better for me to remain with my longing, rather than allow for the continuation of *nothing*.

For a while it seemed to me that if he only knew how I suffered he would give everything else up for me, even his love for the other, unknown woman who peeked at him from among his grandiose plans for the future.

I hate his love. I don't want it anymore. A love that has no future is not worth anything in the present. Distant relationships are only good when they are followed by closer ones. You can be a freethinker about everything else, but not about love. Love requires fanatics. He was not one. He was a casual gambler who risked exactly as much as he didn't mind losing.

I cried. I cried until I could cry no more. The tears washed away the last bitter feeling of disappointment, of a foolish belief in a miracle—in his love becoming like mine.

Because I wanted to feel indifferent to him and wasn't able to (because I got lost in my love, which is greater than me), I told him in no uncertain terms that it would be better for both of us not to see each other anymore. He was silent, and so was I. Without words we squeezed each other's hands, looked away from each other and departed.

My love is dead. I will not make any effort to resuscitate it. It is dead, if you try to resuscitate it trudges on, but it won't come back to life.

# טאַגעבוך פֿון אַן עלנטער מיידל אָדער: דער קאַמף קעגן פֿרײַער ליבע

**1: עלנט**

נעכטן אין דער צײַט איז ער געווען בײַ מיר און — אײַנגעשלאָסן אין זײַנע אָרעמס, האָב איך זיך געפֿילט קליין און עלנט. ער איז מיר ניט געקומען געבן גליק; ער איז נאָר געקומען נעמען, אויך ניט אין גאַנצן: ער רעכנט זיך גוט אויס, וויפֿל ליבע צו שענקען, אום ער זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן אין אַ חובֿ...

איך האָב אים געוואָלט זאָגן, דאָס איך וועל אים צו קיין פֿליכטן ניט האַלטן, — ער וועט מיך מעגן איבערלאָזן אין מײַן עלנטקייט, ווען ער וועט מיך מער ניט ליבן. איך בין וויליק צוליב אַ ביסל גליק אומגליקלעכער צו זײַן... אָבער איך האָב עס ניט געקענט אַרויסרעדן... איך האָב מיך געשעמט און געשראָקן פֿאַר זײַן ניט גלויבן אין מײַן אָפּפער־וויליקער ליבע... זײַן אייבערפֿלעכלעכע ליבע, די אומשעדלעכע צערטלעכקייטן, האָט אָפּגענומען מײַן שפּראַך. זײַנע לײַכטע ווערטער איבער מײַן צו ערנסטן אַרײַנטראַכטן זיך אין קינדערשער שטיפֿערײַ, האָבן מיר דײַטלעך געוויזן, דאָס ער וויל, איך זאָל פֿאַרשטיין, אַז צווישן אונדז קען גאָרנישט זײַן...

עס איז אפֿשר ניט שיין, ניט פּראַקטיש צו פֿאַרגעסן זיך... עס איז אָבער פֿיל מאָל ערגער, אַזוי ווי ער, צו געדענקען זיך... זײַן וואָכעדיקע, קאַלטע נשמה באַגרײַפֿט עס ניט, און איך קען דאָס אים ניט דערקלערן...

נאָך זײַן אַוועקגיין האָב איך זיך אַ צײַט באַטראַכט אין שפּיגל און געציילט די צייכנס, וואָס זײַנע קושן האָבן אויף מיר איבערגעלאָזן. איך האָב ניט געשמייכלט אויס גליק בײַ דיזער דערינערונג; באַליידיקט האָב איך זיך געפֿילט.

טרערן ווילן זיך גיסן פֿון האַרציקן ים געפֿילן, אין וועלכן עס ווייקט זיך מײַן נשמה. איך זוך דעם ים מיט געדאַנקען־שטיינער צו פֿאַרוואַרפֿן. איך מאַך בײַ זיך אָפּ צו זײַן שלעכט, ווען ער וועט אַ צווייטן מאָל קומען, וואַרפֿן אַ שפּאָטיש, פֿרעכן געלעכטער אים אין געזיכט אַרײַן. אים העלפֿן אין זײַן לײַכטזיניק ביז אויסגערעכנטקייט און דערנאָך, ווען ער וועט שוין האַלטן דאָס הענטל פֿון טיר אום אַוועקצוגיין, איבערלאָזן מיך ווײַטער אַליין, ביז ער וועט האָבן צײַט צו קומען צו מיר, — דאַן אים זאָגן, דאָס אומזיסט האָט ער מורא געהאַט מיך צו נעמען. איך בין ווײַט פֿון צו זײַן דאָס, וואָס ער מיינט... איך וואָלט קיין רעכט האָבן צו פֿאָדערן פֿון אים פֿליכטן... זײַן ערלעכקייט מאַכט אים אַזוי לעכערלעך. האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס איך האָב אַזוי פֿריילעך געלאַכט? דאָס האָב איך געלאַכט איבער אים, איבער זײַן מורא פֿאַר דאָס, וואָס עס איז ניטאָ פֿאַר וואָס צו שרעקן זיך.

ווי פֿאַרלאָרן און פֿאַרשעמט ער וועט בלײַבן שטיין! עס קען זײַן, ער וועט זיך פּלוצלינג געבן אַ כאַפּ צו מיר... איך וועל דאַן שטרענג אויסשטרעקן מײַן האַנט און אָנווײַזן אויפֿן טיר. דאָס וואָלט געווען מײַן ראַכע פֿאַר זײַן **ליבע**.

ניין, איך ווייס ניט אויב איך וואָלט דאָס געקענט טאָן!...

... אַליין גיי איך אַרום איבער די טומלדיקע גאַסן פֿון ניו־יאָרק. מיט הערבסט־געדאַנקען באַגעגן איך דעם זומער. אַ ווינטערדיקע קעלט נעמט אַרום מײַן נשמה. ווען אַלץ אַרום מיר לעבט, פֿיל איך ווי אין מיר שטאַרבט עפּעס אָפּ... איך ווייס וואָס דאָס איז — ס׳איז די האָפֿענונג. זי גייט אין מיר אויס...
מיר איז ענג אין מײַן צימער, ווי אַלץ דערמאָנט מיך אָן אים. איך טאָר וועגן אים ניט טראַכטן. ער איז פֿאַר מיר געשטאָרבן. ער ליבט אַנדערע. ער קען צעטיילן זײַן ליבע און איך קען עס ניט; איך קען ליבן נאָר **איינעם**. אָבער, איך ליב אים שוין מער ניט. איך האָב נאָר פֿײַנט מײַן עלנטקייט. ער קען גיין ווו ער וויל. אַז ער איז מיט מיר, פֿיל איך נאָך שטאַרקער די ווײַטקייט, וואָס צעטיילט אונדז. ווען ער איז ניטאָ, קען איך קלערן וועגן זײַן זײַן מיט מיר; ווען ער איז דאָ, קלער איך נאָר ווי אַזוי ער וועט אַוועקגיין...

* * *

איך קען מער ניט זיצן אַזוי אין מײַן צימער און וואַרטן, ווייסנדיק דאָס ס׳איז אומזיסט מײַן וואַרטן — ער וועט ניט קומען. איך וועל אַוועק ווײַטער איבערן טומל. זאָל ער קומען און מיך ניט טרעפֿן בײַ זיך... איך וועל זיך זעצן אויף אַ קאַר, וועלכע פֿאָרט ווײַט, ווײַט. זאָל זי מיך פֿירן מיט מײַנע שווערע געדאַנקען. עס וועט זײַן גרינגער ווי אַרומצוטראָגן זיך מיט זיי...

— — — — — —

איך בין געפֿאָרן אַזוי ווײַט מיט אַ קאַר, פֿול מיט מענטשן, ביז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע פּאַסאַזשירן זײַנען אַראָפּ און איך אויך. דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען אומקערן די ווענטלעך פֿון די בענק אום צו פֿאָרן צוריק און געקוקט אויף מיר. איך בין געשטאַנען און געהאַלטן זיך מיט איין האַנט אָן דער קאַר, ווי מורא האָבנדיק זי זאָל ניט אַוועקפֿאָרן פֿון מיר... „נאָך דער, וועט דאָך קומען אַ צווייטע“, האָב איך מיר געזאָגט און באַשלאָסן אַרומגיין אַ ביסל, פֿאַרזייען מײַנע געדאַנקען איבערן גרינעם פֿעלד, זען ווו איך געפֿין זיך.

פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ בית־עולם. איך בין געפֿאָרן צו אַ בית־עולם גאָר ניט ווייסנדיק דערפֿון... די, וועלכע זײַנען מיטגעפֿאָרן האָבן עס יאָ געוווּסט. אָן גייען זיי אַלע אַרום צווישן די קבֿרים... און אַחוץ זיי נאָך אַנדערע, מיט בלומען. צו וואָס דאַרפֿן די טויטע בלומען, אַז זיי קענען זיי ניט זען, ניט שמעקן?... איך בין צוגעגאַנגען צו אַ שטיין, גענומען לייענען דעם אײַנגעקריצטן נאָמען מיט די גאָלדענע בוכשטאַבן פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענער, זיך פֿאַרטראַכט איבערן טויט, ווען פּלוצלינג האָב איך דערזען לעבן זיך אַ מאַן שטייענדיק. ער האָט מיך מיט אַ פֿרעגנד־פֿאַרוווּנדערטן בליק אָנגעקוקט. איך האָב שטיל אָפּגעטראָטן און ער איז נענטער צוגעטראָטן צו זײַן... וואָס איז זי אים געווען?...

איך האָב שוין אויסגעמיַידט די קבֿרים, צו וועלכע אַנדערע האָבן זיך דערנענטערט... פֿאַרבײַגעגאַנגען גלײַך, בײַ וועלכע אַנדערע זײַנען געשטאַנען. מיר האָט געדוכט, דאָס איך מיט מײַן אָנוועזנהייט שטער די אונטערהאַלטונגען צווישן די לעבעדיקע און זייערע טויטע. און די טויטע, וואַרטנדיק אויף זייערע לעבעדיקע באַזוכער, באַליידיקן זיך אויף מיר פֿאַר מײַן טעמפּן, גלײַכגילטיקן אַרומקוקן זייערע קבֿרים... וואָס האָב איך אַ פֿרעמדע צו זיי, דאָ אַרומצוגיין שטערן זייער רו!... איך האָב זיך געשעמט פֿאַר זיי. וואָלט איך ווען דאָרט געהאַט, וואָלט **ער** דאָרט געווען... ווי אַנדערש איך וואָלט מיך דאָ געפֿילט! **ניט אַזוי** איבעריק, **ניט אַזוי** עלנט...
עלנט צווישן לעבעדיקע און טויטע...

## 2: ייִאוש

אַ בריוו פֿון **אים**. מײַן האַרץ האָט אויפֿגעהערט קלאַפּן. איך האָב אים געעפֿנט.
ער וויל מיך זען, צו מיר קומען. ווי אַ בליץ האָט אַ שטראַל האָפֿענונג דורכגעשניטן דעם שוואַרצן וואָלקן פֿון מײַן ייִאוש. אַלץ פֿאַר מײַנע אויגן האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי געוואָלט פֿאַלן צו מײַנע פֿיס, זינקען און מיך מיטשלעפּן מיט זיך... איך האָב מיך אָנגעהאַלטן אָן ווענטל פֿון מײַן בעט, וועלכע האָט אין איר אומבאַפֿלעקטער ווײַסקייט, ווי מיט פֿאָרוווּרף געקוקט אויף מיר פֿאַר דערלאָזן אַ פֿאַרלאַנג נאָך זײַן קומען. מיט וואָס פֿאַר אַ רויִקייט עס אָטעמט זײַן האַנטשריפֿט! וויפֿל פֿאָרזיכטיקע אויסגערעכנטקייט עס ליגט אין זײַן שרײַבן! ער שרײַבט אַזוי, אַז אַלע וואָלטן עס מעגן לעזן. פֿאַר מיר לאָזט ער איבער פּלאַץ צווישן די שמאָלע שורות... דאָס האָט ער קיין מורא ניט צו טאָן; ער איז זיכער, דאָס איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגן וואָס איך לעז צווישן זיי...

ווען איך קען אים אָפּזאָגן פֿון צו זען מיך, וואָלט איך, קען זײַן, מער אויף שפּעטער געוווּנען, אָבער... ניין, **איך** וויל דאָך **אים** זען! איך... יע, איך וועל אים ענטפֿערן. אין קאַלטע געציילטע ווערטער וועל איך אים שרײַבן אַזוי, אַז אַלע וואָלטן מעגן לעזן, און בײַ זײַן קומען, זײַן, אַוועקגיין — וועל איך אַרויסווײַזן אים גלײַכגילטיקייט.

— — — — —

ער איז ערשט אַוועק. איך פֿיל דאָס צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט און איך בין אַרומגענומען פֿון אַ הייסן ווּנטש **ניט צו זײַן**.

ווען מען קען ווען ניט פֿאַרטראָגן, הייסט מען יענעם אַוועקגיין אָדער מען גייט אַליין אַוועק. וואָס טוט מען אָבער מיט זיך? איך בין זיך איבעריק, און איך קען פֿון זיך ניט אַוועק.

אַ לאַנגע צײַט האָב איך אים נאָכגעקוקט, נאָכגעטראַכט און — געשיקט נאָך אים די ווערטער און געדאַנקען, וועלכע איך וואָלט אים באַדאַרפֿט זאָגן און האָב ניט געזאָגט. די שפּראַך ווערט פֿאַרגליווערט אין מיר דורך זײַן שווערן שווײַגן, אָדער לײַכטן רעדן איבער אַנדערע, אַלגעמיינע זאַכן. עס איז שווער צו טראַכטן פֿון איין זאַך און רעדן פֿון גאָר אַנדערע. ווען זאָגן אים **דו** און גאָר ענטפֿערן **איר** אום צו באַטאָנען

די ווײַטקייט פֿון דער נאָענטקייט. וואַרטנדיק פֿאַר אים, האָט זיך מיר, ניט ווילנדיק, געוואָלט ער זאָל ניט קומען; איך וואָלט שוין בעסער בלײַבן בײַ מײַן בענקעניש, איידער מיט דער פֿאָרטזעצונג פֿון **גאָרנישט**. אַ ווײַלע האָט מיר געדוכט, דאָס ווען ער ווייס ווי איך לײַד, וואָלט ער אַלץ אָפּגעבן פֿאַר מיר, אַפֿילו די ליבע צו יענער, אומבאַשטימטער, וועלכע קוקט צו אים אַרויס פֿון צווישן גראַנדיעזע פּלענער פֿאַר דער צוקונפֿט.

איך האַס זײַן ליבע. איך וויל זי מער ניט. אַ ליבע, וועלכע האָט פֿאַר זיך ניט קיין צוקונפֿט, איז ניט פֿיל ווערט אין דער קעגנוואַרט. ווײַטע באַציִונגען זײַנען שיין נאָר דאַן, ווען נאָך זיי קומען נאָענטע. מען מעג זײַן אין אַלץ פֿרײַדענקער, נאָר ניט אין ליבע. ליבע וויל פֿאַנאַטיקער. ער איז דאָס ניט. ער איז ווי אַ שפּילער, וועלכער שטעלט אין קאָן פּונקט אַזוי פֿיל וויפֿל אים אַרט ניט ער זאָל פֿאַרלירן...

איך האָב געוויינט. געוויינט ביז איך האָב זיך אויסגעוויינט. די טרערן האָבן אַראָפּגעוואַשן דעם לעצטן ביטערן פּיל פֿון אַנטוישונג, פֿון געגנאַרטן גלויבן אין אַ נס — אין זײַן ליבע ווי מײַנע...

דערפֿאַר, וואָס איך האָב געוואָלט זײַן גלײַכגילטיק צו אים און ניט געקענט, (ווײַל איך פֿאַרליר זיך אין מײַן ליבע. זי איז גרעסער פֿון מיר), האָב איך אים אויסדריקלעך געזאָגט, דאָס ס׳איז בעסער פֿאַר אונדז ביידן, מיר זאָלן זיך מער ניט זען. ער האָט געשוויגן... אַזוי האָב איך געטאָן. מיר האָבן זיך שטום די הענט געדריקט און אַוועקקוקנדיק איינס פֿונעם אַנדערן — צעגאַנגען.

זי איז געשטאָרבן, די ליבע. איך וועל קיין אָנשטרענגונג מאַכן זי אָפּצורופֿן. אַ טויטע זאַך, אַז מען רופֿט אָפּ, מאַטערט זיך עס נאָר, אָבער צוריק צום לעבן קומט עס ניט...